ווערט אַרויסגעגעבן דורך דער „פֿאָרווערטס“־אַסאָציאַציע

פֿאָרווערטס

איז די עלטסטע ייִדישע צײַטונג אין דער וועלט

געגרינדעט אין יאָר 1897

www.yiddish.forward.com/vayter

# ווײַטער

אינטערנעץ־אויסגאַבע פֿאַר די וואָס לערנען זיך ייִדיש

נומער 3 (47) ✦ תשע״א – 2011 ✦ זעקסטער יאָרגאַנג

# ישׂראל־פּאַראַד אין ניו־יאָרק

פֿון עדי מהלאל

הײַיאָר, דעם פֿינפֿטן יוני, האָב איך צום ערשטן מאָל באַזוכט דעם „ישׂראל־פּאַראַד“ אין ניו־יאָרק. דאָרטן זאַמלען זיך צונויף כּלערליי ייִדישע גרופּעס: סינאַגאָגעס, ייִדישע הילפֿס־אָרגאַניזאַציעס, און אַנדערע מינים ייִדישע אינסטיטוציעס, ווי למשל, „דער נאַציאָנאַלער ייִדיש־טעאַטער – די פֿאָלקסבינע“, צו פּאַראַדירן לכּבֿוד מדינת־ישׂראל. ווײַזט אויס, אַז ס'רובֿ פֿון דעם צונויפֿגעזאַמלטן עולם זענען געווען אָדער מאָדערנע אָרטאָדאָקסן, אָדער געוועזענע ישׂראלים, די אַזוי גערופֿענע „יורדים“, ווײַל מע האָט דאָרטן געהערט עבֿרית אויף יעדן שריט און טריט. אַ פֿאַרשפּרייטע סצענע איז געווען צו הערן ווי טאַטע־מאַמעס רעדן העברעיִש מיט זייערע קינדער, און די קינדער ענטפֿערן זיי אויף ענגליש. פֿאַרשטייט זיך, אַז פֿון אַזאַ סצענע איז ניטאָ וואָס צו חידושן זיך, זי איז זייער אַ טיפּישע דערשײַנונג צווישן די אימיגראַנטן, און ישׂראלים אין אַמעריקע זענען ניט קיין אויסנאַם.



Credit: Arkadiy Yagudaev

הגם מע וואָלט געקענט דערוואַרטן, אַז עס גייט דאָ אַ רייד וועגן אַן אונטערנעמונג פֿון דעם ייִדישן רעכטן לאַגער (מײַן אַמעריקאַנער־ישׂראלדיקע פֿרוי זאָגט, אַז היסטאָריש איז בכלל ניט געווען אַזוי), האָט זיך אינעם פּאַראַד אויך באַטייליקט אַ גרופּע ליבעראַלע ציוניסטן, אַזעלכע אָרגאַניזאַציעס ווי „אַמעריקאַנער פֿאַר שלום־איצט“, „רבנים פֿאַר מענטשן־רעכט“, „מר״צ (מערעץ־פּאַרטיי) – די פֿאַראייניקטע שטאַטן“, „דער נײַער ייִדישער פֿאָנד“ (NIF) און אַ סך פּאַרשוינען פֿון „דזשיי־סטריט“ (ניט אָפֿיציעל, ווײַל די אָרגאַניזאַטאָרן פֿונעם פּאַראַד האָבן זיי ווי „פּאָליטיש“ געשטימט).

צוריק צו די אַמעריקאַנער ישׂראלים. עס רעדט זיך מער וועגן באַזונדערע סעקולערע ישׂראלדיקע קהילות, צומאָל אַפֿילו אָפּגעפֿרעמדטע פֿון דער ייִדישער אַמעריקאַנער סבֿיבֿה, ווי וועגן אַ „נאַטירלעכער“ צונויפֿשמעלצונג פֿון כּלל־ישׂראל. עס זענען דאָ פֿאַרשידענע געזעלשאַפֿטלעכע אינסטיטוציעס, וואָס אָרגאַניזירן אַקטיוויטעטן און אונטערנעמונגען פֿאַר זיי. נעמט, למשל, די אָרגאַניזאַציע: „דור חדש“ (אַ נײַער דור). הגם זי דעפֿינירט זיך ווי „אַ בריק צווישן די ישׂראלדיקע און אַמעריקאַנער ייִדן“, דאַכט זיך מיר, אַז ס'איז מער פּינקטלעך אָנצורופֿן זי אַ בריק צווישן דעם ערשטן דור ישׂראלדיקע אימיגראַנטן צום צווייטן.

בײַ דעם וועבזײַטל פֿון אַן אַנדער אַקטיוויטעט וואָס „דור חדש“ אָרגאַניזירט פֿאַר די ישׂראלדיקע (בשותּפֿות מיטן 92Y), וואָס הייסט „איזראַעלינעס“ לייענט מען: „אַן אַנקעטע באַווײַזט, אַז נאָר 36% פֿון ישׂראלדיקע קינדער וואָס ווערן אויסגעהאָדעוועט אין ניו־יאָרק, זענען פֿליסיק אין העברעיִש“. און פֿאַרקערט, פֿאַר 88.3% פֿון די עלטערן איז זייער וויכטיק אַז זייער קינד זאָל קענען פֿליסיק עבֿרית. זיי זענען מודה, אַז די אַנקעטע איז ניט קיין ווויסנשאַפֿטלעכע אויספֿאָרשונג. לויט אַ ווויסנשאַפֿטלעכער פֿאָרשונג בנוגע „שפּראַך־אַסימילאַציע הײַנט צו טאָג“, איז דער מצבֿ פֿון העברעיִש גאָר ניט שלעכט, אין פֿאַרגלײַך מיט אַנדערע שפּראַכן פֿון אימיגראַנטן (צום בײַשפּיל, עס רעדן נאָר ענגליש אין דער היים 70% קינדער פֿון פֿיליפּינער אימיגראַנטן און 40% פֿון אינדיע!). אַזוי אַז עבֿרית, צום גליק, געפֿינט זיך אין אַ נישקשהדיקן צושטאַנד.

# ייִדישע מאַזאַיִק

# ווי דער רבי איז געראַטעוועט געוואָרן

אָנהייב מײַ האָט דער ערשטער קאַנאַל פֿון דער ישׂראלדיקער טעלע־וויזיע געוויזן אַ נײַעם דאָקומענטאַלן פֿילם, וואָס הייסט „דער חב״ד־רבי און דער דײַטשישער אָפֿיציר". דער פֿילם דערציילט ווי אַזוי הרבֿ יוסף־יצחק שניאורסאָן, דער זעקס־טער ליובאַוויטשער רבי, האָט זיך אַרויסגעריסן פֿון פּוילן אין יאָר 1939, ווען דאָס לאַנד איז שוין געווען פֿאַרכאַפּט דורך די דײַטשן. דער סיפּור־המעשׂה גופֿא איז ניט קיין נײַער. ער איז שוין באַקאַנט פֿון אַ צאָל פּוב־ליקאַציעס. אָבער פֿאַר אַ סך ישׂראלים איז עס בלי־ספֿק געווען אַן אַנטפּלעקנדיקע געשיכטע.

אין די ערשטע טעג פֿון דער אָקופּאַציע האָט זיך דער ליובאַוויטשער רבי אויסבאַ־האַלטן אין וואַרשע. אָבער לאַנג האָט עס ניט געדויערט, ווײַל די דײַטשישע מיליטערישע אויס־שפּיר־דינסט „אַבווער" האָט אים גע־פֿונען. אָבער זי האָט עס געטאָן, כּדי דערמעגלעכן דעם רבינס אויסוואַנ־דערונג קיין לעטלאַנד, בפֿרט נאָך, אַז ער האָט געהאַט אַ לעטיש פּאַס. מיט דער גאַנצער אָפּעראַציע האָט אָנגעפֿירט אַן אָפֿיציר פֿון „אַבווער" מיטן נאָמען ערנסט בלאָך.

בלאָך, דעמאָלט אַ מאַיאָר, איז געווען פֿון אַ געמישטער אָפּשטאַמונג (אַ „מישלינג", לויט דער נאַציסטישער טערמינאָלאָגיע): זײַן פֿאָטער איז געווען אַ ייִד און די מוטער – אַ קריסטלעכע דײַטשקע. אַ וועטעראַן פֿון דער ערש־טער וועלט־מלחמה, האָט ער זיך באַשעפֿטיקט אין „אַבווער" מיט עקאָנאָמישן שפּיאָנאַזש. דער שעף פֿון „אַבווער", אַדמיראַל קאַנאַריס, האָט געהאַלטן פֿון אים און אויסגעפּועלט בײַ היטלערן אַ דערלויבעניש צו האַלטן אַ „מישלינג" אין זײַן דינסט. אין 1943




„דער חב״ד־רבי און דער דײַטשישער אָפֿיציר"

האָט בלאָך וואָלונטירט צו דינען אויפֿן מיזרח־פֿראָנט און האָט עפּעס אַ צײַט קאָמאַנדעוועט דאָרטן מיט אַ פּאָלק (רעגימענט). אָבער, סוף־כּל־סוף, האָט מען אים, ווי אַ האַלבן ייִדן, ניט געוואָלט מער טאָלערירן אין דער אַרמיי. שפּעטער איז ער ווידער געווען אויפֿן פֿראָנט און איז אומגעקומען עטלעכע וואָכן פֿאַר דער מפּלה פֿון דײַטשלאַנד.

אין 1939 האָט ערנסט בלאָך גע־האָלפֿן דעם רבי, ווײַל – ווי אַן אָפֿיציר – האָט ער באַקומען אַזאַ באַפֿעל פֿון קאַנאַריסן. די גאַנצע געשיכטע האָט אָפּגעשפּיגלט די באַמיִונגען פֿון צוויי צדדים – דעם דײַטשישן און דעם אַמעריקאַנער – צו „פֿאַרדינען" עפּעס פּאָליטיש פֿון העלפֿן דער אָנגעזעענער ייִדישער פֿיגור. די נאַציסטן האָבן דע־מאָלט געהאָפֿט, אַז זיי וועלן קענען אונטערהאַלטן באַציִונגען מיט די פֿאַר־אייניקטע שטאַטן. און די אַמעריקאַנער אַדמיניסטראַציע האָט געוואָלט זיך אויספֿײַנען פֿאַר די ייִדן, בפֿרט אין דעם אַנטיסעמיטישן קלימאַט פֿון יענער צײַט.

פֿון לעטלאַנד איז דער רבי אין מאַרץ 1940 אָנגעקומען קיין ניו־יאָרק און פֿאַרלייגט דאָרטן דעם יסוד פֿאַר דער ווײַטערדיקער אַנטוויקלונג פֿון דער ליובאַוויטשער באַוועגונג. דעם סך־הכּל פֿונעם ערשטן יאָר פֿון דעם רבינס לעבן אין אַמעריקע האָט אין „פֿאָרווערטס" אונטערגעצויגן חיים־אַבֿרהם הורוויץ, וואָס פֿלעגט אונטערשרײַבן זײַנע אַרטיקלען מיטן פּסעוודאָנים ח. וויטאַל. אַ דערפֿאַרענער זשורנאַליסט, האָט ער זיך באַ־שעפֿטיקט מיט דער דאָזיקער מלאָכה אין בולגאַריע, שוועדן און פּוילן; געווען זינט 1937 אַ קאָרעספּאָנדענט פֿון „פֿאָר־ווערטס" אין וואַרשע. אין יאָר 1941 איז ער אָנגעקומען קיין אַמעריקע און גלײַך געוואָרן אַן אינעווייניקסטער מיטאַרבעטער פֿון דער צײַטונג.

אין זײַן אַרטיקל „דער ליובאַוויטשער רבי פֿירט אַ גרויסע ישיבֿה אין ברוקלין" („פֿאָרווערטס", דעם 15טן יוני 1941), האָט ח. וויטאַל באַשריבן, דער עיקר, די ישיבֿה, וואָס דער רבי האָט געעפֿנט אין ניו־יאָרק. „שוין אַ פֿיר חדשים ווי דער גמרא־ניגון הערט זיך פֿון 770 איסטערן פּאַרקוויי, ברוקלין. דער זעלביקער אַלטער גמרא־ניגון, וועלכער באַגלייט דעם רבין און זײַן ישיבֿה אויף אַלע זייערע וואַנדערונגען."

**דרך־אַגבֿ:**

לייענט אין „פֿאָרווערטס" וועגן די ליובאַוויטשער רביים:

http://yiddish.forward.com/node/3629

http://yiddish.forward.com/node/3553

# דער ערשטער כּשרער טעלעפֿאָן



טעלעקאָמוניקאַציע בײַט דעם שטייגער־לעבן פֿון אַלע מענטשן, אַרײַנגערעכנט אויך אַזעלכע רעליגיעזע גרופּעס, וואָס האַלטן זיך אָפּגעזונדערט פֿון דעם געזעלשאַפֿטלעכן הויפּטשטראָם. ס'איז גוט באַוווּסט, למשל, ווי די אַמישעס היטן זייער איזאָלירטקייט. זינט 1910 דערלאָזן זיי ניט קיין טעלעפֿאָן־ליניעס אין זייערע הײַזער – טאָקע כּדי אויסמײַדן דירעקטע פֿאַרבינדונגען מיט דער וועלט. טעלעפֿאָנען (בײַ שכנים צי אין אַ בודע) האָבן זיי אָבער יאָ גענוצט, ווען דאָס איז געווען נייטיק. הײַנט, אין דער תּקופֿה פֿון מאָבילע טעלעפֿאָנען, האָט די מאָדערנע טעכנאָלאָגיע זיך אַרײַנגעריסן אין זייער לעבן.

די ייִדישע אולטראַ־אָרטאָדאָקסישע וועלט נוצט טעלעפֿאָנען, אָבער וויל מע זאָל זיי צופּאַסן צו זייערע פֿאָדערונגען. לעצטנס, האָבן די חרדים באַקומען אַ מתּנה – אין ישׂראל קען מען איצט נוצן אַ „סמאַרטפֿאָן", וואָס האָט אַ מעניו אויף ייִדיש. און די קלונג־ניגונים זײַנע אויך ניט קיין ווילד־פֿרעמדע, נאָר פֿון דעם סקאַרבאָוון חסידישן מוזיק־רעפּערטואַר. דעם ישׂראלדיקן מאַרק פֿון ייִדיש־רעדנדיקע חרדים שאַצט מען אָפּ ווי 350־400 טויזנט נפֿשות. אַזוי אַז עס האָט געלוינט צו אינוועסטירן געלט און מי, כּדי צופּאַסן טעלעפֿאָנען צו די באַדערפֿענישן פֿון אַזעלכע קליענטן.

אַ פּאָר חרדישע איבערזעצער האָבן אין משך פֿון פֿיר חדשים געגרייט דעם ייִדישן נוסח פֿאַר דער קאָמפּאַניע „עקסעל טעלעקאָם" („אקסל טלקום"). אינטערעסאַנט, אַז פֿאַר screen האָבן זיי באַשלאָסן צו נוצן ניט דאָס וואָרט „עקראַן", נאָר „שירם" („שירמע"), וואָס באַטײַט אין ייִדיש, בדרך־כּלל, אַן אַנדער מין screen – אַ מין ווענטל, ווי, אַ שטייגער, אין דער פֿראַזע: „די שירמע האָט אָפּגעטיילט אַ ווינקל אין דעם צימער".

פֿריִער האָבן די טעלעקאָמוניקאַציע־קאָמפּאַניעס אויך געהאַט אין זינען די ספּעציפֿישקייט פֿון דעם חרדישן עולם. פֿאַר אַזעלכע קונים האָט מען פֿאַרגעלייגט טעלעפֿאָנען אָן „פֿאַרפֿירערישע" זאַכן, וואָס האָט געמיינט, למשל, צו בלאָקירן די פֿונקציעס פֿון אַ פֿרײַען צוטריט צו אינטערנעץ און צו בליצבריוו. אָבער קיין איין קאָמפּאַניע האָט ניט באַוואָרגט די טעלעפֿאָנען מיט ייִדיש.

דער נײַער טעלעפֿאָן – דער, וואָס האָט ייִדיש ווי די שפּראַך פֿונעם מעניו – איז אויך מיט באַגרענעצטע פֿונקציעס. ער האָט אַפֿילו ניט קיין פֿאָטאָגראַפֿישן אַפּאַראַט, שוין אָפּגעשמועסט פֿון ניט האָבן קיין צוטריט צום אינטערנעץ. נאָך מער: מע האָט אים געמאַכט אַזוי, אַז קיינער זאָל, בשום־אופֿן, ניט קענען מאָדיפֿיצירן דעם טעלעפֿאָן אַזוי, אַז ער זאָל קאָנען אַרבעטן מיט אינטערנעץ.

און נאָך איין זאַך: טאָמער עמעצער וועט האָבן די העזה צו דברן פֿון אַזאַ טעלעפֿאָן אום שבת, וועט יעדע מינוט אָפּקאָסטן אַרום 3 דאָלאַר.

# אַ ייִדיש־קלוב אין ישיבֿה־אוניווערסיטעט

די פֿילאָסאָפֿיע פֿון „תּורה ומדע" (תּורה און וועלטלעכע וויסנשאַפֿט) שאַפֿט דעם יסוד פֿון דער מאָדערנער ייִדישער אָרטאָדאָקסיע. לויט דער דאָזיקער שיטה איז אויפֿגעבויט דער ניו־יאָרקער ישיבֿה־אוניווערסיטעט, וווּ מע קאָמבינירט די צוויי וועלטן – די פֿרומע און די וועלטלעכע. אין דעם דאָזיקן מיטלפּונקט האָט זיך לעצטנס באַוויזן אַ ייִדיש־קלוב, וואָס ווערט אָנגעפֿירט דורך צוויי ענטוזיאַסטן פֿון דער ייִדישער שפּראַך און קולטור: שאָול סײַדלער־פֿעלער און איתי בנימין זוטרא.

שאָול איז אַ גראַדויִר־סטודענט, וואָס וויל אויספֿאָרשן אין זײַן קומענדיקער דיסערטאַציע דעם מצבֿ פֿון ייִדיש מיט אַ יאָרהונדערט צוריק. קודם־כּל, אינטערעסירט אים דער אונטערשייד אין דער באַציִונג צו ייִדיש צווישן די אָרטאָדאָקסישע און ניט־אָרטאָדאָקסישע ייִדן. שאָול איז אויך אַ מענטש מיט זשורנאַליסטישע כּישרונות. שוין אַ צאָל יאָרן איז ער טעטיק אין דער סטודענטישער פּרעסע.

איתי האָט ניט לאַנג צוריק פֿאַרטיידיקט זײַן דאָקטאָר־דיסערטאַציע. די פֿאָרשונג, וואָס ער האָט געמאַכט אין דעם ניו־יאָרקער ייִדישן טעאָלאָגישן סעמינאַר, איז פֿאַרבונדן מיט דער ייִדישער מאָדערניסטישער ליטעראַרישער גרופּע „אין זיך". איצט אַרבעט ער ווי דער לעקטאָר פֿון ייִדיש אין ישיבֿה־אוניווערסיטעט.

צו באַקענען זיך מיט זיי – זעען:
http://www.youtube.com/watch?v=ZPYoBNVI2B0

# אַ קאַפּיטל ייִדישע געשיכטע אין אַמעריקע



## די שיל אין ניופּאָרט „טוראָ־סינאַגאָגע"



אין ניופּאָרט, ראָוד אײַלענד, געפֿינט זיך די עלטסטע שיל אין אַמעריקע, די „טוראָ־סינאַגאָגע". זי איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1763. אמת, עס זײַנען דאָ אין אַמעריקע עלטערע שילן ווי די „טוראָ־סינאַגאָגע", אָבער קיין איינע פֿון זיי האָט ניט אָנגעהאַלטן די זעלביקע געבײַדע די אַלע יאָרן פֿון זייער עקזיסטענץ.

די „טוראָ־סינאַגאָגע" איז זייער אַ שיינע. אינעווייניק – געשניצטע, ווייכע זיץ־פּלעצער, בענק, בימה און אָרון־קודש. אין דער שיל איז דאָ אַ באַלקאָן פֿאַר פֿרויען. גרויסע, קרישטאָלענע קאַנדעלאַבערס הענגען אַראָפּ פֿון דער סטעליע, ווי מיט כּמעט 250 יאָר צוריק. די פֿענצטער זײַנען האַלב־קײַלעכדיקע מיט אַ סך קליינע שויבן, ווי אין געבעט־הײַזער אין די קאָלאָניאַלע צײַטן.

די ייִדן האָבן זיך באַזעצט אין ניופּאָרט זייער פֿרי. אַ סך פֿון זיי זײַנען פֿריִער געווען מאַראַנען און אין אַמעריקע זײַנען זיי צוריק געוואָרן ייִדן. זיי האָבן אין ניופּאָרט אויפֿגעבויט פֿאַבריקן. זיי האָבן אויך געהאַט אַ סך שיפֿן, וואָס פֿלעגן פֿירן סחורות אין פֿאַרשיידענע לענדער פֿון דער וועלט. עס זײַנען אויך צווישן זיי געווען גוטע אַרבעטער און געלערנטע מענטשן.

די ייִדן אין ניופּאָרט האָבן געהאַט די זעלביקע פֿרײַהייטן ווי אַנדערע מענטשן. זיי האָבן אויפֿגעבויט די שיל און איר אַ נאָמען געגעבן „טוראָ־סינאַגאָגע", נאָכן חזן פֿון דער שיל, וואָס זײַן נאָמען איז געווען אײַזיק טוראָ. דער חזן האָט געהאַט עטלעכע זין, וויכטיקע און גוטע מענטשן. האָט מען אין ניופּאָרט אויך אָנגערופֿן אַ גאַס און אַ פּאַרק אויף זייער נאָמען – „טוראָ־סטריט" און „טוראָ־פּאַרק", אָפּצוגעבן כּבֿוד און פֿאַראייביקן זייער נאָמען.

אין דער שיל פֿלעגן די ניופּאָרטער ייִדן ניט נאָר דאַווענען. דאָרטן האָבן זיי אויך געהאַט אַ שול פֿאַר זייערע קינדער, און קלאַסן פֿאַר דערוואַקסענע, ווי אויך אַ פּלאַץ צו באַקן מצות. די מאַשין צו מאַכן מצות שטייט נאָך איצט אין דער סינאַגאָגע.

ווען די אַמעריקאַנער רעוואָלוציע איז אויסגעבראָכן, האָבן די ייִדן ניט געוואָלט בלײַבן מיט די ענגלענדער. האָבן זיי פֿאַרשלאָסן די שיל און אַוועק פֿון דער שטאָט. די ענגלענדער האָבן גענוצט די „טוראָ־סינאַגאָגע" ווי אַ שפּיטאָל פֿאַר זייערע פֿאַרוווּנדעטע. ווען די רעוואָלוציע האָט זיך געענדיקט, זײַנען אַ סך ייִדן צוריקגעקומען קיין ניופּאָרט און ווידער געעפֿנט די שיל. נאָך דעם ווי וואַשינגטאָן איז אויסגעוויילט געוואָרן פֿאַרן פּרעזידענט, האָבן די ייִדן אים געשיקט אַ באַגריסונג־בריוו און אים באַדאַנקט פֿאַר די פֿרײַהייטן און גלײַכבאַרעכטיקונג, וואָס זיי האָבן באַקומען אין דער פֿרײַער און זעלבשטענדיקער אַמעריקע. וואַשינגטאָן האָט זיי געענטפֿערט מיט אַ בריוו, אין וועלכן ער האָט באַדאַנקט די ייִדן פֿאַר די גוטע ווּנטשן און זיי געזאָגט, אַז אין דער פֿרײַער אַמעריקע איז ניטאָ קיין פּלאַץ פֿאַר קיין פֿאַראורטיילן. וואַשינגטאָנס בריוו איז איינער פֿון די היסטאָרישע דאָקומענטן פֿון אַמעריקע.

די „טוראָ־סינאַגאָגע" איז געווען די איינציקע געבײַדע וואָס איז געבליבן גאַנץ אין ניופּאָרט נאָך דער רעוואָלוציע־מלחמה. ווען וואַשינגטאָן איז אַהין געקומען צוגאַסט, האָט מען דעם קבלת־פּנים פֿאַר אים אײַנגעאָרדנט אין דער „טוראָ־סינאַגאָגע".

די אַמעריקאַנער רעגירונג האָט דערקלערט די „טוראָ־סינאַגאָגע" ווי אַ נאַציאָנאַלן היסטאָרישן מאָנומענט פֿונעם אַמעריקאַנער פֿאָלק. די אַמעריקאַנער ייִדן זײַנען זייער שטאָלץ דערמיט.

# פֿאַר קליין און גרויס

## ייִדישע מעשׂיות פֿון בעלץ

איבערדערציילט פֿון באָריס סאַנדלער

# האַשינקע און באַשינקע

אַ מאַמע האָט געהאַט צוויי טעכטער – אַ קלוגע און אַ נאַרישע. די קלוגע האָט זי גערופֿן האַשינקע, און די נאַרישע – באַשינקע. נו, אַ מאַמע, זײַנען בײַ איר די קינדער גלײַך. די קלוגע טאָכטער, האַשינקע, האָט אָבער ניט געקאָנט פֿאַרטראָגן, אַז די מאַמע מאַכט ניט צווישן זיי קיין אונטערשייד. באַשינקע איז דאָך אַ נאַרישע, קומט איר וויניקער ליבע. איין מאָל, ווען די מאַמע איז ניט געווען אין דער היים, האָט האַשינקע אַרויסגעטריבן באַשינקע פֿון שטוב. איז באַשינקע אַוועקגעגאַנגען.

גייט זי און וויינט, און קלאָגט זיך אויף איר ביטער מזל. דערזעט זי אַן עפּלבוים שטייט אויפֿן וועג. בלײַבט זי אויך שטיין. פֿרעגט זי דער בוים: „וואָס וויינסטו?" ענטפֿערט באַשינקע: „מײַן שוועסטער האָט מיך אַרויסגעטריבן". זאָגט דער בוים צו איר: „נעם, קלאַפּ מיר אָפּ די עפּל, וועסטו האָבן וואָס צו עסן אין וועג, און מיר וועט זײַן גרינגער צו שטיין". האָט זי געפֿאָלגט דעם עפּלבוים.

גייט באַשינקע ווײַטער און וויינט ווידער. דערזעט זי אַ ציג שטייט אויפֿן וועג. בלײַבט זי אויך שטיין. פֿרעגט זי די ציג: „וואָס וויינסטו?" ענטפֿערט באַשינקע: „אַזוי און אַזוי, מײַן שוועסטער האָט מיך אַרויסגעטריבן". זאָגט די ציג צו איר: „נעם, מעלק מיך אויס, וועט זײַן דיר אַ קווערטעלע מילך און מיר וועט זײַן גרינגער". האָט זי געפֿאָלגט די ציג. גייט באַשינקע ווײַטער מיט אַ מעסטעלע עפּעלעך און אַ קווערטעלע מילך.

גייט באַשינקע ווײַטער און וויינט ווידער. דערזעט זי אַ דייזשקע מיט מעל שטייט אויפֿן וועג. בלײַבט באַשינקע אויך שטיין. פֿרעגט זי די דייזשקע: „וואָס וויינסטו?" ענטפֿערט באַשינקע: „אַזוי און אַזוי, מײַן שוועסטער האָט מיך אַרויסגעטריבן". זאָגט די דייזשקע צו איר: „נעם, קנעט מיך אויס און באַק מיך אויס, וועט זײַן דיר אַ לעבל ברויט צו עסן, און מיר וועט זײַן גרינגער". האָט זי געפֿאָלגט די דייזשקע. זיך אָנגעוויינט און זיך אָנגעאַרבעט, איז געקומען די צײַט צו עסן. האָט באַשינקע אָפּגעבראָכן אַ שטיקל ברויט, פֿאַרטרונקען עס מיט מילך און פֿאַרביסן מיט אַן עפּל. אַז מען איז זאַט, גלוסט זיך שלאָפֿן. האָט זי זיך געלייגט שלאָפֿן.



אויפֿן אַנדערן טאָג איז באַשינקע אויפֿגעשטאַנען און ווײַטער געגאַנגען, און געוויינט. פּלוצעם זעט זי אַ קליין שטיבעלע, גייט זי אַרײַן אין שטיבעלע, און אין שטיבעלע האָט געוווינט אַן אַלטע באַביצקע. פֿרעגט די באַביצקע: „וואָס וויינסטו, מיידעלע?" – זאָגט באַשינקע: „אַזוי און אַזוי, מײַן שוועסטער האָט מיך אַרויסגעטריבן". – „פֿאַר וואָס האָט די שוועסטער דיך אַרויסגעטריבן?" דערציילט איר באַשינקע די גאַנצע מעשׂה: „מײַן שוועסטער איז קלוג, און איך בין אַ נאַר, אָבער בײַ דער מאַמען זײַנען מיר ביידע גלײַך. האָט עס די שוועסטער ניט געקאָנט פֿאַרטראָגן..."

„אַזוי גאָר?" – האָט זיך געוווּנדערט די אַלטע באַביצקע, – „גוט, וועל איך מאַכן, אַז דײַן שוועסטער וועט דיך שוין ליב האָבן. וואַרט, כ׳וועל דיר געבן גוטע זאַכן!" האָט די באַביצקע פֿאַרשפּרייט אַ לײַלעך און אָנגעשאָטן אַלערליי גוטע זאַכן: צוקערקעס, קאָנפֿעקטן, פֿון גאָלד און פֿון זילבער, מיט אַ בריליאַנט פֿון אויבן. דערנאָך האָט זי די אַלע גוטע זאַכן פֿאַרבונדן אינעם לײַלעך און געזאָגט: „נאַ, טראָג דאָס אַהיים!"

האָט באַשינקע גענומען די אַלע גוטע זאַכן און איז אַוועק אַהיים. קומט זי צו דער טיר און זאָגט: „מאַמע, עפֿן מיר!" שווײַגט מען דאָרט. האָט באַשינקע פֿאַרשטאַנען, אַז די מאַמע איז ניטאָ. זאָגט זי: „האַשינקע, שוועסטער, עפֿן מיר די טיר!" הערט זי: „אַוועק פֿון דאַנען, נאַרישע מויד, אַניט באַקומסטו מיטן בעזעם אין קאָפּ, וועסטו אין גאַנצן משוגע ווערן!" האָט באַשינקע געזען, אַז די שוועסטער וויל ניט עפֿענען, האָט זי געטאָן אַ געשריי: „האַשינקע, איך טראָג פֿאַר דיר גוטע זאַכן, עפֿן די מיר!"

ווי האַשינקע האָט דאָס דערהערט, האָט זי גלײַך געעפֿנט די טיר און אַרײַנגעלאָזט באַשינקען אין שטוב. און ווי נאָר זי האָט צעבונדן דעם לײַלעך, האָט איר אַ פֿינקל געטאָן אין די אויגן

(סוף אויף זײַט 6)

# פּרישטיק

פֿון לייזער בורקאָ

אין דרויסן אויף דער גאַס איז געווען אַ גוואַלדיקער רעש פֿון אַ קאָנוווי משׂא־אויטאָס, טאַנקען און סאָלדאַטן, וואָס זײַנען געפֿאָרן צו דער נאָענטער מיליטערישער הויפּט־קוואַרטיר. אָבער צוליב די דיקע ווענט און די פֿעסט־פֿאַרריגלטע פֿענצטער, האָט מען אינעווייניק דעם רעש קוים געהערט. אָסאַמאַ איז געשלאָפֿן רויִק אין זײַן בעט, מיטן קאָפּ אײַנגעגראָבן אין אַ גרויסן, פּוכיקן קישן. ער וואָלט אַזוי געבליבן ליגן נאָך עטלעכע שעה, ווען נישט דער ריח פֿון שטאַרקער קאַווע, וואָס האָט אים געקיצלט אין די נאָזלעכער. מיס בין לאַדען איז שוין געווען אונטן, געשטעלט דעם טשײַניק און צוגעגרייט אַ געזונטן פֿרישטיק פֿאַר די בני־בית.

„אָסאַמאַ! שטיי שוין אויף!" האָט זי געשריִען. „כּאַלעד דאַרף גיין אײַנקויפֿן, דאַרפֿסטו אים זאָגן וואָס ער זאָל ברענגען פֿון מאַרק".

„אוי, נאַדזשוואַ, ס'איז פֿרײַטיק...", האָט ער שטיל געמורמלט. „דער איינציקער פֿרײַער טאָג..."

אין עסצימער איז די גאַנצע משפּחה שוין געזעסן בײַם טיש. נאַדזשוואַ האָט דערלאַנגט כּאַלעדן די ערשטע פּרעזשעניצע, ווײַל ער האָט געדאַרפֿט אַנטלויפֿן.

„עס, עס, יִנגעלע מײַנס!", האָט זי אַ ביסל אָפּגעלאַכט פֿון אים. כּאַלעד איז שוין געווען אַ חתן־בחור פֿון עטלעכע און צוואַנציק און ס'האָט אים פֿאַרדראָסן, ווען מע האָט אים אַזוי גערופֿן.

ווען אָסאַמאַ איז אַרײַנגעקומען, האָבן די קינדער און קרובֿים געמאַכט פֿאַר אים אַ פּלאַץ און געוואַרט צו הערן עפּעס אַ וויכטיק וואָרט. ספּעציעל אין אַ טאָג ווי הײַנט, ווען דער טאַטע האָט אַזאַ הייליקן שמייכל אויף די ליפּן.

„געלויבט צו גאָט!" האָט אָסאַמאַ אויסגערופֿן און אויפֿגעהויבן די הענט. נאָך אַ זופּ קאַווע האָט ער ווײַטער גערעדט: „אַזאַ געשמאַקע קאַווע, פֿון וואַנען קומט עס צו אונדז, נאַדזשוואַ?"

„ס'איז אַ נײַער סאָרט, ס'הייסט 'סטאַרבאַקס'".

„אַ מחיה!" אָסאַמאַ האָט אויסגעטרונקען דאָס ערשטע טעפּל און זיך אָנגעגאָסן אַ צווייטס.

אין קיך און אין עסצימער איז די לופֿט שוין געוואָרן הייס. דער לײַבוועכטער, אַכמעד, וואָס איז געזעסן מיט אַ מאַשינביקס בײַ דער טיר, איז אויפֿגעשטאַנען און האָט אויפֿגעעפֿנט אַ פֿענצטער. מיט דער פֿרישער לופֿט איז גלײַך אַרײַנגעקומען דער רעש פֿון דרויסן.

„עפּעס טוט זיך דאָ", האָט אַכמעד געזאָגט צו זיך.

„פֿאַרמאַך דאָס פֿענצטער, אַכמעד", האָט נאַדזשוואַ געזאָגט. „איך הער נישט וואָס אָסאַמאַ דערציילט".

(סוף אויף זײַט 7)

# האַשינקע און באַשינקע

(סוף פֿון זײַט 5)

פֿון גאָלד און זילבער, און פֿון דעם בריליאַנט פֿון אויבן. „אײַ, אײַ, אײַ, וואָס פֿאַר אַ טײַערע זאַכן!" – זאָגט האַשינקע, – „אַוווּ האָסטו דאָס גענומען?"

האָט איר באַשינקע דערציילט וועגן דער באַביצקע, וואָס וווינט אין אַ קליין שטיבעלע. „אויב אַזוי" – טראַכט האַשינקע, – „אַז די נאַרישע באַשינקע האָט געקאָנט ברענגען אַזוי פֿיל גוטע זאַכן, וועל איך, די קלוגע, אַוודאי ברענגען נאָך מער!" – און זי אַנטלויפֿט פֿון שטוב.

איז האַשינקע געגאַנגען און געגאַנגען ביז זי האָט דערזען אַ קליין שטיבעלע. גייט זי אַרײַן אין שטיבעלע און וויינט. זיצט דאָרטן אַן אַלטע באַביצקע. פֿרעגט די באַביצקע: „וואָס וויינסטו, מיידעלע?" זאָגט האַשינקע: „איך האָב אַ שוועסטער, איז זי זייער אַ בייזע. זי האָט מיך ניט ליב. האָט זי מיך אַרויסגעטריבן פֿון שטוב איך זאָל איר ברענגען גאָלד און זילבער, מיט צוויי בריליאַנטן פֿון אויבן. אַנדערש וועט זי מיר ניט עפֿענען די טיר". „אַזוי גאָר?" – האָט זיך געוווּנדערט די אַלטע באַביצקע, – „וועל איך מאַכן, אַז דײַן שוועסטער וועט דיך שוין ליב האָבן. וואָרט, כ'וועל דיר געבן אַ סך גוטע זאַכן!"

נעמט זי און פֿאַרשפּרייט אַ לײַלעך און האָט איר גענומען געבן גוטע זאַכן: שלאַנגען מיט זשאַבעס, מײַז און זשוקלעך און נאָך אַזעלכע זאַכן. דערנאָך האָט די באַביצקע די אַלע גוטע זאַכן פֿאַרבונדן אינעם לײַלעך און געזאָגט: „נאַ, טראָג דאָס אַהיים, אָבער אויפֿן וועג זאָלסטו דעם לײַלעך ניט צעבונדן!"

האָט האַשינקע געכאַפּט די אַלע גוטע זאַכן און איז אַוועקגעלאָפֿן. אויפֿן וועגן אַהיים טראַכט זי: „וואָס דאַרף איך דאָס אַלץ טראָגן אַהיים און זיך טיילן מיט דער מאַמען. אַ קלוג מיידל טוט ניט אַזוי!" און זי האָט צעבונדן דעם לײַלעך. האָבן גענומען שפּרינגען די זשאַבעס און מײַז, און זשוקלעך איר גלײַך אין פּנים אַרײַן, און די שלאַנג האָט איר אַ ביס געטאָן אין אַ פֿוס. „אוי, ראַטעוועט!" – האָט האַשינקע געשריִען פֿאַר שרעק און מורא, אָבער קיינער האָט זי ניט געהערט.

דערווײַל איז אַהיים געקומען די מאַמע. זי זעט באַשינקען און די אַלע גוטע זאַכן און פֿרעגט זי: „אַוווּ איז דײַן שוועסטער האַשינקע?" ענטפֿערט איר די טאָכטער: „זי איז אַוועקגעלאָפֿן זוכן גאָלדענע גליקן!" אַ גאַנצע וואָך מיט אַ מאָנטיק האָט די מאַמע מיט באַשינקען געוואַרט, אָבער האַשינקע איז פֿאַרפֿאַלן געוואָרן. ניט אומזיסט זאָגט מען, אַז אויף אַ חכם קאָן זיך באַנאַרישן.

# ווערטער



## פּאַשקוויל

ד״ר קלאַודיאַ ראָזענצווײַג, די איטאַליעניש־ישׂראלדיקע קענערין פֿון דער אַלטער ייִדישער ליטעראַטור, האָט אַרויסגעגעבן אַ נײַ בוך, וואָס איז כּולל צוויי איבערזעצונגען אויף איטאַליעניש פֿון לידער פֿון אליהו בחור (1468–1549). דאָס בוך הייסט **Due canti Yiddish, Rime di un poeta ashkenazita nella Venezia del Cinquecento** – „צוויי לידער אין ייִדיש: גראַמען פֿון אַן אַשכּנזישן דיכטער אין ווענעציע פֿון 16טן יאָרהונדערט". מע האַלט, אַז צום ערשטן מאָל האָבן זיך די דאָזיקע לידער באַוויזן ווי „פּאַשקווילן", פֿון איטאַליענישן **pasquinate** – פּלאַקאַטן מיט (בדרך־כּלל) סאַטירישע טעקסטן, וואָס מע פֿלעגט אויפֿקלעפּן אויף די ווענט אָדער סטאַטועס.

דאָס וואָרט „פּאַשקוויל" (אָדער „פּאַסקוויל") האָט זיך באַזעצט אין אַ סך שפּראַכן, בפֿרט סלאַווישע, און דער איצטיקער באַטײַט פֿון דעם באַגריף אין ייִדיש פֿאַלט טאַקע צונויף מיטן סלאַווישן באַטײַט. עס מיינט אַ שאַרפֿע און געוויינטלעך רכילותדיקע קריטיק פֿון אַ מענטשן, אינסטיטוציע, אונטערנעמונג וכּו׳. הײַנטיקע פּאַשקווילן טשעפּעט מען ניט צו צו קיין וואַנט, נאָר מע דרוקט זיי, בדרך־כּלל, אין דער פֿאָרעם פֿון אַן אַרטיקל אין אַ צײַטשריפֿט צי אַ בראָשור. דאָס וואָרט ווערט גענוצט מיט דער פּרעפּאָזיציע „אויף". למשל, „אַ פּאַשקוויל אויף ישׂראל".

לויט אוריאל ווײַנרײַכס „ייִדיש־ענגלישן ווערטערבוך", באַקומט זיך, אַז „פּאַשקוויל" און „פּאַמפֿלעט" שטעלן מיט זיך פֿאָר סינאָנימען, עקוויוואַלענטן פֿונעם ענגלישן וואָרט **lampoon**. אין דער אמתן, זײַנען דאָס אַ ביסל פֿאַרשיידענע באַגריפֿן. פּאַמפֿלעט איז מער אַן אָפֿענע, ניט קיין דריידלדיקע, כאָטש אויך שאַרפֿע קריטיק. און אויב מע נוצט אַ פּרעפּאָזיציע, איז עס געוויינטלעך „קעגן" און ניט „אויף". למשל, „אַ פּאַמפֿלעט קעגן דער מלחמה". דער ייִדישער „פּאַמפֿלעט" איז ניט דאָס זעלבע וואָס דער ענגלישער **pamphlet** – מיר האָבן אַן אַנדער וואָרט פֿאַר אַזעלכע דינענקע אויסגאַבעס: „בראָשור".

## פֿאַרביסן



אין אַ סך ענגליש־רעדנדיקע משפּחות נוצט מען דאָס ייִדישע וואָרט „פֿאַרביסן", אין דעם זין אַז „זי איז אַ פֿאַרביסענע" אָדער „ער איז אַ פֿאַרביסענער". מיינען מיינט מען דערמיט אַ מענטשן, וואָס איז אַן עקשן און מע קען אים, אָדער זי, ניט צופֿרידן שטעלן. בײַ אַזאַ מענטש איז אַלץ שלעכט, אַלץ ווערט אויפֿגענומען מיט אַ זויערער מינע. דאָס גלאָז איז תּמיד האַלב אויסגעליידיקט און קיין מאָל ניט האַלב אָנגעפֿילט.

אָבער „פֿאַרביסן" באַווײַזט זיך אָפֿט מאָל ווי אַן אַדיעקטיוו:

„זיי פֿירן אַ פֿאַרביסענעם קאַמף קעגן דעם בלוטיקן דיקטאַטאָר".

„ער איז באַקאַנט ווי אַ פֿאַרביסענער אַנטיסעמיט".

אין אַזעלכע פֿאַלן מיינט עס אומפּשרותדיקייט, עקשנות אָדער פּשוט שׂינאה.

## פֿרישטיק

(סוף פֿון זײַט 6)

אַכמעד איז ווידער צוגעגאַנגען צום פֿענצטער.

„וואַרט!" האָט אָסאַמאַ זיך אָנגערופֿן און אַרויפֿגעקוקט צו דער סטעליע. „איך הער עפּעס".

אַלע אין צימער זײַנען מיט אַ מאָל אַנטשוויגן געוואָרן, געקוקט אויף דער סטעליע, אויף אָסאַמאַ, איינער אויפֿן צווייטן. פֿון דאָרט, פֿון אויבן האָט זיך קוים געהערט אַ מין זשום.

„אַ העליקאָפּטער?" האָט אַכמעד זיך געחידושט.

„צוויי העליקאָפּטערס", האָט אָסאַמאַ פֿאַרפּינקטלעכט.

די משפּחה איז געבליבן זיצן, פֿאַרטײַעט דעם אָטעם, און דאָס זשומען איז געוואָרן אַלץ העכער און נעענטער. יעדער האָט געמאַכט אַ שטילע תּפֿילה, נאָר מיט די אויגן, קיין קלאַנג איז ניט אַרויס.

אָבער אַזוי גיך ווי דאָס זשומען איז העכער געוואָרן, איז ער דערנאָך אויך געוואָרן שטילער.

„די העליקאָפּטערס פֿליִען צו דער הויפּטקוואַרטיר", האָט אַכמעד דערקלערט, אַרויסקוקנדיק פֿון פֿענצטער, – „פּאַקיסטאַנער העליקאָפּטערס. מיליטערישע".

די גאַנצע משפּחה האָט אָפּגעאָטעמט.

„ברוך השם, אַבי אונדזערע", האָט נאַדזשוואַ געלאַכט.

אָסאַמאַ האָט אויך געלאַכט און געגעבן אַ קלאַפּ אין טיש. „ס'איז דאָ אַ באַשעפֿער אויף דער וועלט!"

און כאַלעד איז אַרויסגעגאַנגען מיט אַ פּרטימדיקער רשימה פֿון זאַכן, וואָס ער האָט געדאַרפֿט קויפֿן אין מאַרק – אַרײַנגערעכנט נאָך אַ פּעקל „סטאַרבאַקס".